**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/22/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט עס וועט געהויבן ווערן די קאנסטרוקציע-פארבינדענע לעין-פארשליסונגען דורכאויס די שפיץ האָלידעי רייזע טעג

***AAA טוט פאראויסזען 34 פראצענט העכערונג אין צאל רייזנדע פון 2020***

***קיין שום אומנויטיגע לעין-פארשליסונגען דורכאויס די פארנומענסטע רייזע צייטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז צייטווייליגע לעין-פארשליסונגן פאר שאסיי און בריק קאנסטרוקציע פראיעקטן אויף ניו יארק סטעיט הייוועיס וועלן סוספענדירט ווערן אנגעהויבן דאנערשטאג, דעצעמבער 23 אום 6 אינדערפרי ביז מאנטאג, דעצעמבער 27 אום 6 אינדערפרי. קאנסטרוקציע וועט אויך ווערן אפגעשטעלט פון דאנערשטאג, דעצעמבער 30 אום 6 אינדערפרי ביז מאנטאג, יאנואר 3 אום 6 אינדערפרי צו פארגרינגערן רייזן פאר מאטאריסטן.

מאטאריסטן זאלן וויסן אז געוויסע ארבעט קען מעגליך אנגיין הינטער פערמאנענטע קאנקרעטע ווענט אדער פאר עמערדזשענסי פאררריכטונגען. דאס אפשטעלן קאנסטרוקציע איז אין איינקלאנג מיט ניו יארק סטעיט'ס 'דרייווערס ערשט' איניציאטיוו, וועלכע פריאריזירט די באקוועמליכקייט פון מאטאריסטן צו מינימיזירן טראפיק אנלייגעניש און רייזע אפהאלטונגען צוליב שאסיי און בריק ארבעט.

"מיר האלטן אין סאמע מיט'ן איינע פון די פארנומענסטע רייזע צייטן פון דעם יאר און מיר ווילן פארזיכערן אז אלע ניו יארקער קענען אנקומען בשלום צו זייערע דעסטינאציעס און אן קיין פארזוימונג, כדי אז זיי זאלן קענען געניסן פון דעם האָלידעי סעזאן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "צו דעם צוועק טוען מיר אפשטעלן קאנסטרוקציע אויף סטעיט שאסייען צו העלפן פארלייכטערן טראפיק דורכאויס די צייט. איך וואונש פאר אלע ניו יארקער א וואונדערבארע האָלידעי סעזאן און דערמאן זיי צו ביטע דרייוו'ען מיט פאראנטווארטליכקייט און העלפן פארזיכערן אז דאס איז פרייליכע און זיכערע צייט פאר יעדן."

לויט דער [AAA](https://www.aaa.com) וועלן איבער 109 מיליאן מענטשן פארן דעם האָלידעי סעזאן, דער צאל געשטיגן מיט באלט 34 פראצענט פון 2020. דאס וועט ברענגען די היי-יעריגע ציפערן צו 92 פראצענט פון 2019 שטאפלען.

דער גאווערנער דערמאנט פאר מאטאריסטן אז סטעיט און ארטיגע געזעץ אינפארסירער באטייליגן זיך אין דעם נאציאנאלן "[דרייוו'ט ניכטער אדער ווערט ארויסגעצויגן](#)" קאמפיין, וואס לויפט ביז יאנואר 1, 2022. מאטאריסטן קענען ערווארטן צו זען ניכטער-טשעקפוינטס און מער ניו יארק סטעיט טרופערס אויף די וועגן דורכאויס דעם האָלידעי רייזע סעזאן. די ניו יארק סטעיט טרו-וועי אויטאריטעט וועט אויך פארזעצן ווייטער איר טראדיציע פון אנבאטן אומזיסטע קאווע און הייסע טיי פאר רייזנדע ביי סערוויס ערטער לענגאויס דער טרו-ווי אנגעהויבן 11 ביינאכט אויפ'ן לעצטן נאכט בעפאר דעם נייעם יאר ביז 7 צופרי אויף 'ניו ייערס' טאג כדי צו הייבן זיכערהייט און פארזיכטיגע דרייוו'ען.

טעקסט סטאפּס, אריינגערעכנט פארק-און-רייד איינריכטונגען, אפרו ערטער, סערוויס איינריכטונגען, און פארקינג פלעצער לענגאויס סטעיט הייוועיס שטיצן די סטעיט׳ס באמיאונגען צו רעדוצירן אומאויפמערקזאמע דרייוו׳ען. אלע טעקסט סטאפּס וועלן בלייבן אפן, צושטעלנדיג א פלאץ וואו דרייווערס קענען באקוועמערהייט און זיכערערהייט ניצן זייערע טעלעפאנס און אנדערע מאביל מכשירים פאר רופן, טעקסטן, נאוויגירן, און ניצן סעלפאן עפּס. טעקסט׳ן בשעת׳ן דרייוו׳ן איז ספּעציעל געפארפול, וויבאלד עס פארלאנגט פון מאטאריסטן אראפּצונעמען די אויגן פון ראוד, די הענט פון דאס רעדל, און דעם פון דאס דרייוו׳ען.

**ניו יארק סטעיט טרו-ווע׳י אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר מעטהיו דז. דריסקאל האט געזאגט,** ״דער האָלידעי סעזאן איז איינע פון די פארנומענסטע רייזע צייטן פון דעם יאר, און אפשטעלן קאנסטרוקציע איבער דעם האָלידעי סעזאן וועט ערמעגליכן פאר מאטאריסטן אנצוקומען שנעלער צו זייערע דעסטינאציעס, מיט ווייניגער אפּהאלטונגען. מיר מוטיגן מאטאריסטן זיך צו רוקן אין דער זייט פאר עמערדזשענסי און מעינטענענס וויהיקלס וואס זיי זעען אויפ׳ן ראוד, בלייבן אויפמערקזאם, און דרייוו׳ען ניכטערערהייט. מיר ווילן אויך דערמאנען פאר דרייווערס אז צוליב דער [׳סערוויס עריע רידעוועלאפּמענט פּראיעקט׳](), זענען 10 סערוויס ערטער פארמאכט לענגאויס דער טרו-ווע׳י פאר רענאוואציעס. דעריבער, ביטע האלט דאס אין זינען ביים פלאנירן אייערע סטאַפּס. פּיוּעל סערוויסעס בלייבן אפן ביי אלע לאקאציעס, און קיין שום סערוויס ערטער וועלן נישט זיין פארמאכט צוויי נאכאנאנד אין דער זעלבער ריכטונג. איך וואונטש אלע ניו יארקער א פרייליכן האָלידעי און נייעם יאר.״

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט אוו טראנספּארטעישן קאמישענער מארי טערעסע דאמינגעז האט געזאגט,** ״ארומפארן דורכאויס דעם האָלידעי סעזאן קען זיין אנגעצויגן און דער דעפּארטמענט פון טראנספּארטאציע וויל טון אלץ וואס מעגליך צו באזארגן פאר מאטאריסטן א רייזע אן קיין שטערונגען און זיי ערמעגליכן אנצוקומען צו זייערע דעסטינאציעס מיט ווי ווייניגער אפּהאלטונגען. מיר וואונשן פאר יעדן א פרייליכער און געזונטער האָלידעי סעזאן און מיר מוטיגן די אלע וואס רייזן דאס ביטע צו טון מיט פארזיכטיגקייט, און זיכער מאכן אז ווען איר זענט אויפ׳ן ראוד, ביטע געדענקט זיך אריינצו׳באָקל׳ען, בלייבן אויפמערקזאם, און נישט טעקסט׳ן בשעת׳ן דרייוו׳ען. לאמיר ארבעטן אינאיינעם זיכער צו מאכן אז יעדער קומט אן בשלום וואו זיי דארפן אנקומען.״

**ניו יארק סטעיט ׳דעפּארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס׳ קאמישענער און פארזיצער פון די גאווערנער׳ס טראפיק סעיפטי קאמיטע פון ניו יארק מארק דזשעי. עף. שראודער האט געזאגט,** ״מיר האפן אז יעדנ׳ס רייזע דעם האָלידעי סעזאן בלייבט א זיכערע. ביטע מאכט פלענער פאר אלטערנאטיווע וועגן אויף אנצוקומען אהיים אדער איבערצונעכטיגן אויב איר פלאנירט צו פארברענגען מיט אלקאהאלישע געטראנקן, און ביטע האלטן אן אויג פאר פיסגייער דורכאויס די לעצטע טעג פון דעם פארנומענעם איינקויף סעזאן.״

**סטעיט פאליציי סופּעראינטענדענט קעווין פּ. ברוען האט געזאגט,** ״אזוי ווי די רייזעס לאזן זיך אין גאנג דעם האָלידעי סעזאן, וועלן אונזערע טרופּערס שטיין גרייט צו טון זייערס צו האלטן זיכער אונזערע וועגן. מיר מוטיגן אלע דרייווערס צו טון זייערס דורך אוועקלייגן זייערע עלעקטראנישע כלים און בלייבן אויפמערקזאם און פאקוסירט. ביטע האלטס אייך צו די באשטימטע ספּיעד לימיטס און פאלגט נאך די געזעצן אויף די וועגן. אויך, די וועלכע פייערן דעם האָלידעי סעזאן זאלן עס טון זיכערערהייט דורך אויספלאנירן פון פאראויס אדער דרייוו׳ען ניכטער. אינאיינעם קענען מיר ראטעווען לעבנס און אויסמיידן ערנסטע געשעדיגטע.״

די טרו-ווע׳י אויטאריטעט מוטיגט מאטאריסטן צו דאונלאד׳ען איר [מאביל עפּ](), וואס מען קען דאונלאד׳ען בחינם אויף איי-פאָן און ענדראָוד סמאַרטפאָנס. דער עפּ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקט לעבעדיגע און עכט-צייטיגע טראפיק און נאוויגאציע הילף בשעת מען איז אויפ׳ן וועג. מאטאריסטן קענען זיך

אויפשרייבן פאר TRANSalert אימעילס, וועלכע באריכטן די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס דער טרו-וועי.

פאלגט נאך דער טרו-וועי אויטאריטעט אויף טוויטער @NYSThruway און אויף פעיסבוק ביי ניו יארק סטעיט טרו-וועי אויטאריטעט.

רייזנדע קענען נאכקוקן אויף NY511 פון NYSDOT בעפאר מען גייט ארויס אויף די וועגן, דורך רופן 5-1-1, באזוכנדן דעם 511 וועבזייטל, אדער דאונלאוד׳ען בחינם דעם NY511 מאביל עפ אויף ׳אייטונס׳ אדער ׳גוגל פלעי׳. דער אומזיסטער סערוויס ערלויבט פאר באניצער נאכצוקוקן ראוד אומשטענדן, זען 2219 טראפיק קאמערעס, און זיך אנבינדן מיט לופט און טראנזיט אינפארמאציע. דער עפ פיגורירט ׳דרייוו מאוד׳, וועלכע שטעלט צו הערעוודיגע אנזאגן לענגאויס דעם אויסגעקליבענעם וועג בשעת מען דרייוו׳ט, צוווארענען וועגן אינצידענטן און קאנסטרוקציע.

פאלגט נאך ניו יארק סטעיט DOT אויף טוויטער: @NYSDOT און אויף פעיסבוק ביי ניו יארק סטעיט דעפארטמענט און טראנספארטעישען.

דער דעפארטמענט פון מאטאר וויהיקלס מוטיגט דרייווערס צו ניצן דעם Have a Plan עפּ צו העלפן געפונען א זיכערער וועג אהיים פון א פייערונג וואו מען וועט מעגליך טרונקען. דער אומזיסטער עפּ פון דעם גאווערנער׳ס טראפיק סעיפטי קאמיטע און דער NYS STOP-DWI פאנדעישען ערלויבט פאר באניצער צו דעזיגנירן א דרייווער, באשטעלן א טעקסי אדער א רייד-שעיר, און איבערצוקוקן די קאנסעקווענצן פון אומפעאיגע דרייוו׳ען.  באניצער קענען אפילו ניצן דעם עפּ צו באריכטן אן אנגעטרונקענער אדער אן אנגע׳דראג׳טער דרייווער. דער עפּ קען מען באקומען פאר ׳עפל׳, ׳ענדרויד׳, און ׳ווינדאָוס׳ סמארטפאנס.
פאלגט נאך DMV אויף טוויטער @NYSDMV און אויף פעיסבוק ביי ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון מאטאר וויהיקלס.

###